בעזהשי"ת

# סֵפֶר
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת צַו

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**דַיין שִׁידוּךְ אִיז שׁוֹין צוּגֶעגְרֵייט פַאר דַיין גֶעבּוּרְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין פַאר'דַאֲגָה'עֶט אוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַ בָּחוּר וְכוּ', וַוייל נָאךְ פַאר דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", פֶערְצִיג טֶעג פַאר יְצִירַת הַוָּלָד רוּפְט מֶען אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל: "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", מְמֵילָא דַארְפְסְטוּ זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּם אוּן יְשִׁיבָה יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, טוּ אָן תְּפִילִין אוּן דַאוֶוען שַׁחֲרִית מִיט שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְּמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן; גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה הָאבְן.

דָאס וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן זָארְג, טְרַאכְטְנְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִינֶעם בְּרִיוו אַז גַאנְצֶעטֶע נֶעכְט וַואלְגֶערְסְטוּ זִיךְ אִין בֶּעט אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן טְרַאכְטְנְדִיג: 'וֶוען וֶועל אִיךְ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?' אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְזָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בֶּעט. דֶעק זִיךְ אִיבֶּער דַיין קָאפּ מִיטְן דֶעק אוּן וֵויין צוּ אִים אוּנְטֶערְן דֶעק, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ"; שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ - 'אִידִישׁ', פַארְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע זָארְגְן: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וֶוען וֶועט עֶס זַיין?' 'מִיט וֶועם וֶועט עֶס זַיין?'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סח): "עִיקַּר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ", דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן

אין בֶּעט, "בְּעֵת שֶׁשּׁוֹכֵב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין, אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּדֶעקְן מִיט זַיין דֶעק אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעסְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): "אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי", אִיךְ שְׁמוּעֶס יֶעדֶע נַאכְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין בֶּעט, "בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי אַמְסֶה", מִיט מַיינֶע טְרֶערְן מַאךְ אִיךְ נַאס מַיין בֶּעט, אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה עַל הַכֹּל", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה ה' צוּ פָארְן בְּקָרוֹב קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קַיין יַבְנִיאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיוּן. אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיט קוּמֶען מִיט מִיר, דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

מֶען זֶעט אָפֶּענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִילִים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיט קוּמֶען מִיט מִיר קַיין יַבְנִיאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִילִים לִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס לוֹינְט צוּ צָאלְן מֶער גֶעלְט פַאר אַ כָּשֵׁר'ע טֶעלֶעפָאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט בְּנוֹגֵעַ אַ סֶעלְפָאוֹן פַאר דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ', אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען בְּחִנָּם אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פִילְטֶערְן וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, גֶעבּ אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט כַאפְּן קַיין מְצִיאוּת וָואס קֶען דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן.
~~~~~~~~~~~

דו וֵוייסְט אַלֵיינְס נִישְׁט ווי שֶׁעדְלִיךְ אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט אִיז, מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם אַלֶעס פַארְלִירְן. אַז מֶען קוּקְט אַפָּאר מִינוּט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא".

אַז דו פְרֶעגְסְט מִיר וָואס צוּ טוּן, זָאג אִיךְ דִיר זָאלְסְט קוֹיפְן אַ כָּשֵׁר'ע סֶעלְפָאוֹן, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט גֶעלְט. וַוייל אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (רַשְׁבָּ"א בָּבָא קַמָּא ט.; רַ"ן עַל הָרִי"ף סוּכָּה טז.; רְמָ"א יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנז, סְעִיף א) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב אַוֶועק צוּ גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף אַ לֹא תַעֲשֶׂה; אַז מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן וָואס מֶען קֶען דֶערוֹיף זֶען עֲבֵירוֹת אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער אַבִּי נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין דֶערְמִיט מִיט דִי אִינְטֶערְנֶעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**"אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן צוּרִיק אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם!"** הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער חִילוּק אִיז נָאר, עֶס זֶענֶען דָא וָואס וֵוייסְן דָאס נָאךְ נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען נָאךְ אַז זֵיי הָאבְּן דֶעם זֵיי הָאבְּן יֶענֶעם, אָבֶּער דוּ" - זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ - "וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט אַלֵיין".

יֶענֶער הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט מִיט אַ טַעֲנָה אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס הֵייסְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט "גַּם אֲנִי לְבַד" - אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַלֵיין? מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ, קִינְדֶער, חֲסִידִים, תַּלְמִידִים מִיט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ' וָואס ווִיל עֶר מִיר אַיינְרֶעדְן וְכוּ'?!" אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם דִיבּוּר,
~~~~~~~~~~

לַאנגֶע וָואכְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חַיּוּת פוּן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי סִיפּוּר פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וֶוער אִיךְ שְׁטַארְק אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם יְסוֹד: "אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן" - גֶעבְּט דָאס אִים כֹּחַ צוּ לֶעבְּן; וַוייל כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין: 'אִיךְ הָאבּ דֶעם, אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם', לֶעבְּט מֶען אַלְץ מִיט פְּחָדִים. מֶען טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן דֶעם, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן יֶענֶעם וְכוּ''; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר הָאט גֶעלְט, דֶער אִיז דָאךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת, וַוייל שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג צוּלִיבּ זַיין גֶעלְט, עֶר אִיז מָלֵא פַּחַד אַז אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין גֶעלְט, אָדֶער אֶפְשָׁר וֶועט זִיךְ אֵיין טָאג אוֹיסְנוּצְן זַיין גֶעלְט, וֶוען בֶּאֱמֶת קֶען גֶעלְט נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט נָאר פְּחָדִים וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ מֶען זָאל עֶפֶּעס קֶענֶען פַארְלִירְן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיז גָארְנִישְׁט אוּן וִויל גָארְנִישְׁט, קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט צוּ נֶעמֶען; וַוייל וָואס וֶועסְטוּ אִים צוּ נֶעמֶען? עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט, אִיז גָארְנִישְׁט אוּן דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אוּן דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען גֵייט אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַלְץ אַיין, מֶען אִיז זִיךְ מְיַישֵּׁב אַבִּיסְל, מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אוּן וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ פַארְעֶכְטְן, וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?' אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן אַיינְזֶען אַז אַלֶעס אוֹיסֶער תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז אִיבֶּערִיג.

זָאלְסְט פוּן יֶעצְט מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, זָאג אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר וְכוּ' וְכוּ' וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג דִיר אוֹיסְצוּרַייסְן; וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג

אִים: "אֱייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ גוּטֶע אִיד, אֱייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אֱייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְ'ן סִיפּוּר מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן".

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶעבְּט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פִּילְט אוּנְז אָן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; עֶר מַאכְט אוּנְז רַייךְ מִיט תּוֹרָה תְּפִילָה, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע ווִינְטֶער, קוּק וואוּ מֶען הַאלְט. דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁרֵייט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט אַיינְגֶעפִירְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, שְׁנַיִם מִקְרָא מִיטְן תַּרְגּוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַאן עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן מִיט רֶעכְט: "חֲזַק חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!" ווַייל יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, עֶס בְּלַייבְּט גוּטְס פוּן יֶעדְן טָאג. נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר מַעֲשִׂיוֹת ווִי יוּנְגֶעלַייט וֶוערְן אַרַיין גֶעדְרֵייט אִין גְּנֵיבוֹת, דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס זֵיי שְׁפָּארְן אָפּ וֶוערְט פַארְלוֹירְן דוּרְךְ בַּאנְדִיטְן אָוְן שְׁווִינְדְלֶערְס, זֶעט מֶען אַז נִישְׁט גֶעלְט אִיז וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וְהַכְּלָל שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין עֶס זָאל בְּלַייבְּן גֶעלְט בַּיים מֶענְטְשׁ, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גֶעלְט, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט. "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנִּזְכָּר
~~~~~~~~~~~

לְעֵיל", עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גְעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין גֶעלְט זָאלְן בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו", דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן צִי עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אָדֶער עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט, "כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", וַוייל סֵיי דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן סֵיי דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלְט בֵּיידֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם זֶעלְבְּן לֶעבְּן וְכוּ'; דֶער עִיקָר זָאל מֶען אַרוֹיס כַּאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

דֶערְפַּאר בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין אוּן הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - הָאט מֶען הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ דִי גֶעבֶּעט פוּן אַ חוֹלֶה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי נִישְׁט גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּן אֵייעֶר בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, אִיר לַיידְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יְרַחֵם; עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ שְׁטַארְקְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן חַזֶרְ'ן דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אִיךְ גְלֵייבּ מִיט מַיין גַאנְצֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר פִירְט אַלֶעס. עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶרְ'ט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְט עֶר מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר וֶוערְט רוּאִיג, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת וְיִסוּרִים.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ דִי גֶעבֶּעט פוּן אַ חוֹלֶה מֶער פוּן אַנְדֶערֶע; וֶוען דֶער חוֹלֶה אַלֵיינְס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ דִי תְּפִילוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית כא, יז; בְּשֵׁם מֶדְרַשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה) אַז מֶען זֶעט בַּיי יִשְׁמָעֵאל, וֶוען זַיין מַאמֶע הָגָר הָאט אִים גֶעלֵייגְט אוּנְטֶערְן בּוֹים נָאכְדֶעם וָואס
~~~~~~~~~~

זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר קִינְד גֵייט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כא, יז): "וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דָאס גֶעוֵויין פוּן 'יִשְׁמָעֵאל', נִישְׁט דָאס גֶעוֵויין פוּן זַיין 'מַאמֶע', "מִכָּאן שֶׁיָּפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה מִתְּפִלַּת אֲחֵרִים עָלָיו, וְהִיא קוֹדֶמֶת לְהִתְקַבֵּל", פוּן דָא זֶעט מֶען אַז דִי תְּפִילָּה פוּנֶעם חוֹלֶה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת יב:): "מִנַּיִן שֶׁהַשְּׁכִינָה סוֹעֵד אֶת הַחוֹלֶה?" פוּן וואוּ זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט אוּנְטֶער דֶעם חוֹלֶה? וַוייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מא, ד): "ה' יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט אוּנְטֶער דֶעם חוֹלֶה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): וֶוען מֶען קוּמְט מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין אֵיינֶעם זָאל מֶען זִיצְן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, וַוייל: "שְׁכִינָה לְמַעְלָה מֵרַאשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן אַ חוֹלֶה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "אָמַר רָבִין, מִנַּיִן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זָן אֶת הַחוֹלֶה? שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים מא, ד): ה' יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּייזְט דֶעם חוֹלֶה.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר נֶעמֶען פוּן דִי מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל שְׁטַארְקֵייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ; רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - אוֹיף אִידִישׁ, דֶערְצֵיילְט אִים אַזוֹי וִוי אִיר וָואלְט עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ נָאנְטֶע חַבֶר'טֶע, דֶערְצֵיילְט אִים וִוי צֶעבְּרָאכְן אִיר זֶענְט, זָאגְט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. קוּים וָואס אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. אַלֶע מַיינֶע חַבֶר'טֶעס הָאבְּן חֲתוּנָה אֵיינֶע נָאכְ'ן אַנְדֶערְן אוּן אִיךְ לִיג דָא אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין פוּן דִי ...; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער דָא אִין שְׁפִּיטָאל. עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי, בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִילָּה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק, בִּזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב; יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן, זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר בְּקָרוֹב מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיר זֶענְט אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַ רוּאִיג לֶעבְּן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם 'עָבָר' - וָואס אִיז גֶעוֶוען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט 'וַיְהִי' - 'עֶס אִיז גֶעוֶוען', אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן צַעַר, עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי אָנְהֵייבּ פוּן אַ צַעַר, אָבֶּער "וְהָיָה", אַז מֶען קוּקְט אוֹיף וַוייטֶער, מֶען טְרַאכְט עֶס גֵייט זַיין גוּט, "אֶלָּא לָשׁוֹן שִׂמְחָה", וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטְן אַז עֶס גֵייט זַיין גוּט; פַּיינִיג זִיךְ נִישְׁט מִיטְן עָבָר, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן. אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, חֵלֶק ב', סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּת הַמֵּתִים; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט תְּחִיַּת הַמֵּתִים פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן? נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען וִויל אַיינְשְׁלָאפְן הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, עֶס הֵייבְּן אָן אַרַיינְקוּמֶען אִין קָאפּ דִּמְיוֹנוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן וְכוּ' וְכוּ'?' יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע דִּמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, טְרַאכְט פוּן תְּחִיַּת הַמֵּתִים, דָאס הֵייסְט דוּ זָאלְסְט טְרַאכְטְן: 'בַּיים סוֹף וֶועט זַיין גוּט, אֲפִילוּ מֶען שְׁטַארְבְּט גֵייט מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים'; דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין רוּאִיגֶערְהֵייט אַיינְשְׁלָאפְן, וַוייל אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רוּאִיג, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען אָן בַּיינַאכְט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא): "וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד: 'וָואס אִיז דָאס גֶעלֶעכְטֶער?' הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט, וַוייל דֶער נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג 'פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט
~~~~~~~~~~

הָאבּ אִיךְ קַיין נָאמֶען נִישְׁט?' הֵייבְּט דֶער טָאג אָן צוּ לַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט טָאג"; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, בַּיינַאכְט הֶערְט מֶען בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת, בַּיינַאכְט קוּמֶען אָן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר גֵייט זַיין אַ פַייעֶר?' 'אֶפְשָׁר גֵייט אַ גַנָב קוּמֶען?' דָאס זֶענֶען דִי בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת, מֶען טְרַאכְט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת. אָבֶער אֵיינְמָאל מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק, עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין פְּחָדִים, עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין: "וָואס וֶועט זַיין?" דָאס אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער וָואס דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט, אוּן דָאס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בַּיינַאכְט אִיז מֶען בַּאזָארְגְט אוּן צוּפְרִי אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס הַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה טְרָאץ זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוועריקֵייטְן אָבֶער זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט דִי אֱמוּנָה.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמָאר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָלִיוֹת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעפְרֶעגְט פַאר וֶועם מֶען קֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען אַ אִיד צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבְּל צוּ לֵייגְן תְּפִילִין אוּן אוֹיף זַיין הַאנְט אִיז דָא אַ נוּמֶער פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַח שְׁמָם - דֶעם אִיד קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה"; וַוייל אַ אִיד וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט - וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן דָאס דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט - הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן עֶר טוּט אָן טַלִית וּתְפִילִין - דֶער אִיז אַ צַדִיק.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּרִיק צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן; שְׁטוּפְּ נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען, עֶנְדֶערְשׁ שְׁטוּפְּ אָפּ דַיינֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ'. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִית אוּן תְּפִילִין וֶועסְטוּ זֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת.

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ - אֲפִילוּ זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ שָׁלוֹם; טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.
~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

הֶער אוֹיף קְרֶעכְצְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, דָאס דֶערְהַאלְט דִיר אוּן גֶעבְּט דִיר חַיוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ דֶערְהַאלְסְטוּ זִיךְ אוּן דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אוּנְז אִידְן, אַז מִיר גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט; סַיי וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי שְׁוֶועֶרֶע גָלֻיוֹת וִוי מֶען הַרְגְ'ט אוּן מֶען שֶׁעכְט אִידְן, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס הָאבְּן אוּנְז דֶערְצֵיילְט וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער בַּיי דִי צְווֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וִוי מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן - מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רַבָּנִים אוּן דַיָּינִים, מַמָּשׁ דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - דָאךְ בְּלַייבְּן מִיר פֶעסְט בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה, מִיר בְּלַייבְּן וַוייטֶער נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סַיי וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע הַרְגְ'ט אוּנְז אוּן פַארְבְּרֶענְט אוּנְז מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - גֵייעֶן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר קוּמֶען וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֶער אוֹיף קְרֶעכְצְן דֶעם נִיגוּן: "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?" טְרַאכְט נִישְׁט: 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין'; וֶוען דוּ זֶעסְט זִיךְ אָנְגֶעפוּלְט מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת, וְכוּ' וְכוּ', טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר?' וַוייל דַוְקָא דוּ וָואס דוּ פַאלְסְט אוּן הֵייבְּסְט זִיךְ אוֹיף - בִּיסְט אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת דֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט שְׁטַארְק, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט אַן פוּנְדָאסְנַיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ אַז זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען
~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה׳, עֶר הָאט גֶעדַאוֶועוְנֶט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי שָׁאוּל פַּאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן״; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַאֹרן לֶעבְּן. וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז - הֵייסְט בַּיים רֶבִּי׳ן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, וֶוער עֶס אִיז בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֶדֶר אַ הֶעלְד: ״אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַרָאפּ גֶעפַאלְן, שְׁטַארְק מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט וֶועט זִי דִיר שֶׁעצְן אוּן דִיר מְכַבֵּד זַיין. אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד״ קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל. דוּרְכְדֶעם וֶוערְן דִי וֶוענְט אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס: ״דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!״ אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): ״בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ״, דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): ״כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה״; אִין אַזַא שְׁטוּבּ וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין דַיין וַוייבְּ׳ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.
~~~~~~~~~~

דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, בִּפְרַט צָרַת הַיֵּצֶר וָואס לָאזְט נִישְׁט מְנוּחָה, עֶר פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן; מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט, דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (חולין צו.): "הֵיאָךְ סוּמָא מוּתָּר בְּאִשְׁתּוֹ?" וִוי אַזוֹי מֶעג אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ וואוֹינֶען מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר זֶעט אִיר דָאךְ נִישְׁט, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז זַיין וַוייבּ?! זָאגְט דִי גְמָרָא: "בִּטְבִיעוּת עֵינָא דְקָלָא", עֶר דֶערְקֶענְט אִיר אוֹיפְ'ן קוֹל, וֶוען זִי רֶעדְט וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז זַיין וַוייבּ; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט, אַז וֶוען דִי מְקַטְרִיגִים זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "דֶער אִיז נִישְׁט קַיין אִיד, אַזוֹי פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד אוֹיף וְכוּ'", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ דֶערְקֶען אִים 'בִּטְבִיעוּת עֵינָא דְקָלָא' - מִיט זַיין קוֹל. עֶר רֶעדְט צוּ מִיר, עֶר בֶּעט מִיר, דוּרְכְדֶעם וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז מַיין קִינְד".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן אֲפִילוּ 'אֵיין וָוארְט' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע, הֶעלְף מִיר!" "טַאטֶע, אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶער!" "טַאטֶע, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער אָנְגֵיין!" "טַאטֶע, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר!" דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע מְקַטְרְגִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זָאגְן אוֹיף דִיר דִי וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר".

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען מִיט זַיין הַפָצָה רַאטֶעוֶוען דִי וֶועלְט!**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֵיין הַפָצָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מַיין גַאנְצֶע הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נָאר גֶעקוּמֶען דוּרְךְ הַפָצָה; פַּאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק שְׁנַת תשס"ד לִפְרָט קָטָן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן אַ מֵפִיץ הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר אַ קְלֵיין סֵפֶר'ל: "אֲשֶׁר בְּנַחַל - חֵלֶק כז" אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.
~~~~~~~~~~~

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית פֵּיגָא וְכוּ׳, וָואס דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן גֵיין הַפָּצָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) : "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן : 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער"; מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט) : "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

עֶס קוּמֶען אָן טֶעגְלִיךְ צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוְון אוּן צֶענְדְלִיגֶער הוֹדָעוֹת אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ סֵפֶר, אַ סִידִי, אַ קַארְטְל, אַ גִּלְיוֹן וְכוּ׳; וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס הַפָּצָה אִיז, וָואלְסְטוּ זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין הַפָּצָה מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן מֹחַ !

וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אַ סֵפֶר, אַ סִידִי, אָדֶער אַ קַארְטְל מִיט אַ נוּמֶער וואוּ מֶען קֶען רוּפְן אוּן הֶערְן חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין בַּיי זִיךְ אָפְּגֶע'פַּסְקְ'עט אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין תַּקָּנָה אוּן עֶר זוּכְט נָאר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען עֶנְדִיגְן זַיין לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, - דוּרְכְדֶעם הָאסְטוּ פָּשׁוּט גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן עוֹלָם מָלֵא.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ פְּרוּוֶוען צוּזַאמְקוּם סֵיי דָא אִין יְשִׁיבָה, סֵיי אִין מָאנְסִי שׁוּל אוּן סֵיי אִין קִרְיַת יוֹאֵל, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזּוּק עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

שְׁרַייבּ מִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וְכוּ׳ וֶועסְטוּ מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי מַאמֶע.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**
~~~~~~~~~~

דו הָאסְט מִיר מְחַיֶ׳ גֶעוֶועֶן מִיט דַיינֶע צְוֵויי בְּרִיוו; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דו זָאגְסְט תְּהִילִים יֶעדְן טָאג אוּן דו גֵייסְט שׁוֹין מְסַיֵּם זַיין דִי דְרִיטֶע מָאל תְּהִלִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִילִים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ"", אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גוּטֶע טְרִינְק כַאפְּט עֶר יֶעדֶע מָאל נָאךְ אַ טְרִינְק אוּן נָאךְ אַ טְרִינְק, אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִילִים אוּן שְׁפִּירְן וִוי יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז וִוי אַ גֶעשְׁמַאקֶע טְרִינְק; אִין תְּהִילִים לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט אַז אִין תְּהִילִים לִיגְן בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואלְט מֶען גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִילִים יֶעדְן טָאג.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דו מוּטְשֶׁעסְט נִישְׁט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט אִיז דָא בַּיי מֵיידְלֶעךְ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁפִּיל. אֵיין טָאג גִיפְט קַארְד׳ס, אֵיין טָאג פְּרֶעשֶׁעס פְּרִינְצֶעס, הַיינְט אִיז דָאס טֵייעֶרֶע נֶעפְּקִינְ׳ס; מֶען גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן, דֶערִיבֶּער טוּסְטוּ זֵייעֶר גוּט אַז דו נֶעמְסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן פַאר דֶעם.

דָאס וָואס דו פְרֶעגְסְט אַז אַסַאךְ מָאל דַארְפְסְטוּ עֶנְדִיגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין תְּהִילִים, דַאוֶוענֶען וְכוּ׳ אוּן דַיין מַאמֶע זָאגְט דִיר דו זָאלְסְט שׁוֹין גֵיין שְׁלָאפְן, וָואס דו זָאלְסְט טוּן; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דַיין מַאמֶע, ווייל כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע וִוי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין אִים אַלֵיינְס; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פָאלְגְן וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳ע מֵיידְלֶעךְ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שתחיו, וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.**
~~~~~~~~~~~

איךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת; אִיר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אוּן אֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת אִיז 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה' וָואס דָאס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פד): "דַּע, שֶׁעִקָּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה", דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִלָּה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהֶעפְטְן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ל, ח): "נַפְתּוּלֵי אֱלֹהִים נִפְתַּלְתִּי עִם אֲחֹתִי גַּם יָכֹלְתִּי".

זָאלְט אִיר זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי פִירְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט אִין לֶעבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנָא לִצְּלָן אַ צָרָה. עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ בֶּעטְן פוּן מֶענְטְשְׁן הִילְף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן.

פוּן דֶעם בַּאשְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיר זָאלְן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ אִים אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען בַּיים רֶבִּי'ן. לֵיידֶער אִיז דָא אוֹיף "בְּרֶסְלֶב" אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא פוּן בְּרֶסְלֶב, מֶען הָאט אַ פַּחַד אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב - נָאר צוּלִיב דִי וָואס מַאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען וְכוּ'.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אַזוֹי אַז אַלֶע וֵוייסְן אַז אִיר זֶענְט פְרִישֶׁע מְקוֹרָבוֹת דֶערִיבֶּער קוּקְט מֶען מֶער אוֹיף אַייךְ, מֶען וִויל זֶען וִוי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף, זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, בִּפְרָט דִי אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ע שׁוּלֶעס נָאר אִין אַנְדֶערֶע מֵיידְל שׁוּלֶעס, זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אַזוֹי וַוייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר"; אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ לֶערֶערִין אוּן וָואס אֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס זָאגְן זָאלְט אִיר פָאלְגְן, וֶועט אִיר מִיט אֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת זַיין גְרוֹיסֶע מֵפִיצוֹת, אֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג וֶועט צִיעֶן מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּי'ן.

גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק, אַזוֹי וֶועט אִיר

מְקַרֵב זַיין וָואס מֶער מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הֶערְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זֶען וִוי שֵׁיין אוּן אֵיידְל בְּרֶסְלֶבֶ׳ע מֵיידְלֶעךְ פִירְן זִיךְ.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צַאם אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט דָאס מַאכְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אֵייעֶרֶע זִוּוּגִים אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק דִיךְ אִין אֱמוּנָה אוּן אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ וַוייטֶער מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לג): ״אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקֶר אֱמוּנָה, ״וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים״, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהלים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אִין אִים אַיינְגֶעגְבַאקְן דִי אֱמוּנָה.

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר זֶען נִיסִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי, פֵּאָה א, א) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי טַרְפוֹן, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען וִוי זַיין מַאמֶע גֵייט שַׁבָּת שְׁפַּאצִירְן אִין אִיר חָצֵר פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ לֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן לֵייגְן זַיינֶע הֶענְט אוּנְטֶער אִירֶע פִיס אוּן אִיר זָאגְן: ״מַאמֶע, טְרֶעט אוֹיף מִיר״, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר
~~~~~~~~~~~

בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר בֶּעט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי טַרְפוֹן נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, וֶוען דִי חֲכָמִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִים מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין הָאט זַיין מַאמֶע זֵיי גֶעזָאגְט: "זַייט מִתְפַּלֵל פַּאר מַיין זוּן עֶר זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן, וַוייל עֶר אִיז מִיר מְכַבֵּד מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף", הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טוּט, הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר לֵייגְט אוּנְטֶער זַיינֶע הֶענְט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין וְכוּ', הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ עֶר זָאל דִיר טוּן טוֹיזְנְט מָאל טוֹיזְנְט מֶער וִוי עֶר טוּט דִיר יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זַיין נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן פַּאר זֵיי; אֲפִילוּ מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אֵייךְ, אֲפִילוּ מֶען אַנֶערְקֶענְט אֵייךְ נִישְׁט אוּן מֶען קְרִיטִיקִירְט אֵייךְ שְׁטֶענְדִיג דָאךְ זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַּאר אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועט אֵייעֶר בְּרוּדֶער אַ חָתָן וֶוערְן אוּן אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אַ כַּלָה וֶוערְן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט אִיר אוֹיךְ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים וַוייל אִין תְּהִילִים לִיגְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַּאר מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן.

...

~~~~~~~~~~

**מַזָל טוֹב צוּ דִי 30'סְטֶע סִיוּם שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דֶעם עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב' דִי דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל 'שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ דֶערְצֵייל פַּאר מַאמִי תְּחִיֶ' וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, זָאגְט זִי מִיר אוֹיךְ דָאס זֶעלְבֶּע, אַז דָאס אִיז אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

גֶעבּ אַ קוּק דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ כַּלָה פוּן אַ חָשׁוּבֶ'עַ שְׁטוּבּ, אַ אֵיידֶעלֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע כַּלָה מִיט
~~~~~~~~~~

גוּטֶע מִידוֹת; זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין תּוֹרָה תְּפִילָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

...

~~~~~~~~~~

**אַ דַאנְק פַארְ'ן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ מִיטְ'ן גֶעבְּן דַיין חוֹמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר פַאר דִי מוֹסָד; מִיט דֶעם נֶעמְסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע פְּעוּלוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ.

דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָארְקוּמֶען אַ מְלַוֶה מַלְכָּה אִין יְשִׁיבָה: 'מְסִיבַּת הַכָּרַת הַטוֹב' פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ דֶעקְן דִי רֶענְט פוּנֶעם בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, תַּלְמוּד תּוֹרָה, כּוֹלֵל, בֵּית הַדְפוּס, בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה וָואס אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק דֶערְמִיט. דֶערְפַאר, מַאכְן מִיר אַ מְלַוֶה מַלְכָּה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְן אַ גֶעפִיל אוּן הַכָּרַת הַטוֹב פַאר דֶעם פְּלַאץ; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען פֶערְזֶענְדְלִיךְ.

בַּיי אוּנְז אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז, אַ'נ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

## זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

״חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!״ - גֵייעֶן מִיר אוֹיסְשְׁרֵייעֶן דֶעם שַׁבָּת; עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז. עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵּק וּמְעוֹדֵד אַז מִיר זָאלְן אַרַיין כַאפְּן גוּטְס יֶעדְן טָאג; אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוּן דֶעם שַׁבָּת וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן סֵדֶר שְׁמוֹת גֵייעֶן מִיר שְׁרֵייעֶן: ״חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק״.

ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט עֶר דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה - חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אַזוֹי ווִי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ה, סָעִיף ב): ״וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ״י״, אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי מִיט דִי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ״י; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ״י״, אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.

יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין שַׁבָּת זָאלְסְטוּ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת זֶען צוּ זַיין פְרֵייליךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת; גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ שַׁבָּת, ״וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ וְלִבְלִי לְהֵרָאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט אוּם שַׁבָּת, נָאר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵייליךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּלְהַרְבּוֹת בְּתַעֲנוּגֵי שַׁבָּת בְּכָל מִינֵי תַּעֲנוּג; הֵן אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, הֵן מַלְבּוּשִׁים, כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל, כִּי אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ, וְעוֹלָה לְמָקוֹם אַחֵר לְגַמְרֵי מִן אֲכִילַת חֹל, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר״.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ לַיידְן דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּ קוּמֶען אַנְטֵייל נֶעמֶען דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה צוּם סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה - ׳מְסִיבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב׳ וָואס מִיר מַאכְן אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אוּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם דֶעם פְּלַאץ אוּן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ צוּ דֶעקְן דִי רֶענְט פוּנֶעם בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, תַּלְמוּד תּוֹרָה, כּוֹלֵל, בֵּית הַדְּפוּס, בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה וָואס אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ אוּן מְחַזֵּק דֶערְמִיט; אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אַז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה ה׳ פָּארְקוּמֶען אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, הֲגַם עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי וָואךְ אַ שִׁיעוּר, דָאךְ שַׁאדְט נִישְׁט צוּ הֶערְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר. אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ זֵיי אַבִּיסְל פוּן פּוּרִים אוּן פוּן פֶּסַח׳דִיג מַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר לָאזְן ווִיסְן וָואס פַאר אַ טָאג עֶס וֶועט זַיין.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~

## גֶעלְט בַּאקוּמְט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר ווִי אַ שְׁלִיחַ פוּן הִימְל; אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶעהַאט אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם לָאו פוּן (וַיִּקְרָא יט, יג): "לֹא תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד בֹּקֶר", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה אִים צוּ בַּאצָאלְן. הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דֶעם אַרְבֶּעטֶער אוֹיפְן טָאג, אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעמָאנְט פוּן מִיר. פְּלוּצְלִינְג בִּיסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען ווִי אַ שְׁלִיחַ פוּן הִימְל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן אוֹיפְן טָאג.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז פַאר יֶעדֶע מִצְוָה צָאלְט מֶען שְׂכַר מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אוּן וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר צוּ בַּאצָאלְן זַיין אַרְבֶּעטֶער אוּן אִיז מְקַיֵּים (דְּבָרִים כד, טו): "בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ" אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשַּׁת שַׁבָּת. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בְּ׳יוֹמוֹ תִ׳תֵּן שְׂ׳כָרוֹ אִיז "שַׁבָּת"; ווַייל דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְן זַיין נְשָׁמָה בִּשְׁעַת עֶר
~~~~~~~~~

הָאט גֶעאַרְבֶּעט און אַז מֶען בַּאצָאלְט אִים פַּארְ'ן אַוֶועק גֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה וָואס מֶען בַּאקוּמְט שַׁבָּת; דַאנְק אִיךְ דִיר פַּאר דֶעם.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ וֶוען מֶען בֶּעט אִים; מֶען זֶעט גְלַייךְ אָפֶּענֶע יְשׁוּעוֹת.

עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן צָאלְן דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס וְכוּ' וְכוּ' שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע און מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת. און וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער וִוי אוּנְזֶער מוֹסָד שְׁטֵייט הַיינְט, אָן קַיין עֲשִׁירִים און אָן קַיין נַדְבָנִים נָאר אוֹיף תְּפִילָה!

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אִיבֶּער פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלָלֶער פַּאר דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס. דִי שְׁטָאט הָאט בַּאצָאלְט אַן אַלְטֶע חוֹב פוּן פִינְף יָאר צוּרִיק אַזוֹי אַרוּם הָאט מֶען גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

בִּיטֶע אִיבֶּער גֶעבְּן פַּאר אַלֶע מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס דִי נָאמֶען "רָחֵל שָׂרָה בַּת רִבְקָה שֵׁיינְדְל" צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אַז זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב. דָא רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ מַאמֶע פוּן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ וַוייבּ פוּן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה - וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה ה' יְרַחֵם; מֶען זָאל דַאוֶונֶען אִין אַלֶע קְלַאסְן פַּאר אִיר.

אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי קִינְדֶער וֶועט זִי זִיכֶער הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

...

~~~~~~~~~~

**דַיין וַוייבּ וֶועט אִם יִרְצֶה ה' הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן אוּן עֶר וֶועט אוֹיסְהֵיילְן דַיין וַוייבּ פוּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה.

מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר אַלֶע קְלַאסְן - סֵיי בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ דַיין וַוייבְּ'ס נָאמֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר, אוּן בִּזְכוּת דִי אַלֶע תְּפִילוֹת וֶועט זִי הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה. זִי וֶועט נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קַיין דָאקְטוֹרִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א'): "כִּי כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת הַתְּפִלָּה אָז נוֹפְלִים כָּל הָרְפוּאוֹת, כִּי נִתְרַפְּאִין עַל יְדֵי דְּבַר ה'", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאלְן אַוֶועק אַלֶע רְפוּאוֹת, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת ווייל מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, "וַאֲזַי כָּל הַדָּאקְטוֹרִים מִתְבַּיְּשִׁין בִּרְפוּאוֹת שֶׁלָּהֶם", דֶעמָאלְט שֶׁעמֶען זִיךְ אַלֶע דָאקְטוֹרִים מִיט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת. "כִּי אֲזַי אֵין כֹּחַ לְשׁוּם רְפוּאָה כִּי כָּל הָעֲשָׂבִים חוֹזְרִים כֹּחָם לְתוֹךְ הַתְּפִלָּה", ווייל אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס לִיגְן אִין דִי מֶעדֶעצִינֶען גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִילָה אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דֶערְמִיט.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוען מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס קֶען אַלֶעס טוּן; אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים גֶעבְּן נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אוֹיסְהֵיילְן דַיין וַוייבּ"; זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וֶועט זִי הָאבְּן כֹּחַ אוּן הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז מַיין וַוייבּ ... זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה; הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיינֶע צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס דַארְפְן אַ מַאמֶע"**; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדֶעס מָאל דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה. אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַ שָׁלִיחַ זָאלְסְטוּ אַרַיין שִׁיקְן דִי גֶעלְט אוּן אִיךְ וֶועל דְרוּקְן מִיט דֶעם דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן פַאר אִיר זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה גֶעהַאט נֶעכְטְן נַאכְט בַּיי דִי מְלַוֶה מַלְכָּה ׳מְסִיבַּת הַכָּרַת הַטוֹב׳; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זִיצְן צוּזַאמֶען אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ נֶעכְטְן בַּיים מְלַוֶה מַלְכָּה צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ מִיטְ׳ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם. הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן סֵדֶר וַיִּקְרָא; זַיי אַ חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה. יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי קְלֵיינֶע ׳אַלֶף׳ אִינֶעם וָוארְט ׳וַיִּקְרָא׳; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל. דִי אוֹת ׳א׳ וַוייזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער ׳אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם׳ - דֶער הֶער פוּן וֶועלְט - וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִיבֶּערָאל.

אִם יִרְצֶה ה׳ דִינְסְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוֶען צוּזַאמְקוּם; הַגַם עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פָּארִיגֶע וָואךְ - רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר אָבֶּער יֶעצְט וֶועט זַיין נָאכְאַמָאל אַ שִׁיעוּר. אִיךְ הָאבּ וִויכְטִיגֶע זַאכְן אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן פַאר אַלֶע פְּרוּוֶען בְּנוֹגֵעַ פּוּרִים אוּן פֶּסַח; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זֶען צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן דִי שִׁיעוּר.

דֶער שִׁיעוּר וֶועט אִם יִרְצֶה ה׳ פָּארְקוּמֶען סֵיי אִין יְשִׁיבָה, סֵיי אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין מָאנְסִי.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~

**פּוּרִים דַארְף מֶען אוֹיךְ גֵיין בִּצְנִיעוּת.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גְעֶוועֶן דִי צְוֶועלֶפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְסְטוּ ב״י״ת׳ נִצְחִי און דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גְעֶוועֶן יְרוּשַׁלְמִי מַסֶּכֶת שְׁבִיעִית; דוּ הָאסְט מִיר מַמֶּשׁ מְחַיֶּ׳ גְעֶוועֶן מִיט דַיין בְּרִיוו זֶעעֶנְדִיג וִוי דוּ הַאלְסְט אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

אוֹיךְ פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַפָּצָה; דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט קַארְטְלֶעךְ מִיט דִי נוּמֶער פוּן ׳קוֹל בְּרֶסְלֶב׳ וואוּ מֶען קֶען הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן הִתְחַזְקוּת וְכוּ׳; דֶער יוּנְגֶערְמַאן וָואס לֵייגְט אַרוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף ׳קוֹל בְּרֶסְלֶב׳ זָאגְט מִיר אַז עֶר קֶען זֶען אוֹיפְן סִיסְטֶעם וְוִיפִיל מֶענְטְשְׁן רוּפְן אַרַיין טֶעגְלִיךְ, עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע רוּפְן אַרַיין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג און לָאזְן אִיבֶּער הוֹדָעוֹת אַז דָאס אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן וְכוּ׳; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ אִידְן, זָאלְן נָאךְ אִידְן לֶעבְּן און וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

לְגַבֵּי דַיין וַוייבּ אַז זִי וִויל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ שֵׁייטְל וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַאר פְּרוּיעֶן בִּכְלָל זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים, בִּפְרָט אַז זִי וִויל אוֹיסְטוּן אִיר טִיכְל - דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי. פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אוֹר, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן מוֹסִיף זַיין קְדוּשָׁה, אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה און הַמְתָּקַת הַדִּינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן י): ״כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין״, דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא לִיכְטִיקֵייט וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף לֶעָתִיד לָבוֹא.

דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ צְנִיעוּת; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט שְׁפִּירְן אַז דוּ שֶׁעצְט אִיר וֶועג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר און אַז דוּ פְּרֵייסְט זִיךְ מִיט אִיר צְנִיעוּת, וֶועט זִי זִיךְ נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּטוּן אִיר צְנִיעוּת.

לָאז דַיין שְׁטוּבּ זַיין אַ רֵיינֶע; בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם כְּלִי וְכוּ׳ אֲפִילוּ עֶס הָאט נָאר אִימֶיעל וְכוּ׳, וַוייל: ״כָּךְ אוּמְנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע״, דָאס אִיז דֶער טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, ״הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָּךְ״, הַיינְט רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֵיין זַאךְ, ״וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָּךְ״, און מָארְגְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע עֲבֵירָה, ״עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ: עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד״, בִּיז עֶר רֶעדְט אִים צוּ עֶר זָאל רַחֲמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת קה:).

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ׳ זַיין.

...

~~~~~~~~~~

**בַּאנֵיי זִיךְ אוּן פְרִישׁ זִיךְ אוֹיף.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב; דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל זַיין פְרִישׁ, אַזוֹי נֵיי אוּן גֶעשְׁמַאק וִוי וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): מֶען דַארְף אַלְץ אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה; וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק זָאל מֶען טְרַאכְטְן: 'אִיךְ בִּין יֶעצְט אַ נֵייעֶ מְקוֹרָב כְּאִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דָא גֶעוֶוען, יֶעצְט אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק'; אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּגֶעוְואוֹינְט אוּן אָפְּגֶעקִילְט.

פַארְוָואס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דָאס? וַוייל אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן יָארְן צוּרִיק אִיז בַּיי דִיר גֶעוֶוען חָשׁוּב יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, דוּ פְלֶעגְסְט זִיצְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת צוּזַאמֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן גֶעלֶערְנְט דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אָבֶּער הַיינְט זֶע אִיךְ דִיר זִיצְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת פוּן אוּנְטְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ וְכוּ', זֶע אִיךְ אִין דִיר אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי פְרִישׁ וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אַלְט וֶוערְן; "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אַן אַלְטֶער צַדִיק; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

בַּאנֵיי זִיךְ אוּן פְרִישׁ זִיךְ אוֹיף; אוּן וֶוען אִידְן זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וְכַדוֹמֶה זָאלְסְטוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן זֵיי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, טו): "וְחֶסְרוֹן לֹא־יוּכַל לְהִמָּנוֹת" זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו לְדָבָר מִצְוָה וְלֹא נִמְנָה עִמָּהֶם"; וֶוען אִידְן טוּעֶן אַ מִצְוָה אִינְאֵיינֶעם אוּן אֵיינֶער טֵיילְט זִיךְ אָפּ - דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן; הֶער אוֹיס דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיי אַ חֵלֶק פוּן דִי וָואס זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, נִישְׁט פוּן דִי יוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת; זַיי פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי אִיז בַּיי זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְצְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דְרֵיי כִּתּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אֵיין כִּיתָּה וָואס הָאבְּן לִיבּ מַיין תּוֹרָה, אֵיין כִּיתָּה וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּלִיטְשׁ אוּן אַ דְרִיטֶע כִּיתָּה וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין הַארְצְן"; דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ בְּלַייבְּן פוּן דִי דְרִיטֶע כִּיתָּה, פוּן דִי וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן
~~~~~~~~~~

נֶעמֶען נָאךְ שֵׂכֶל אוּן נָאךְ חִיזוּק פַארְן לֶעבְּן, נִישְׁט פוּן דִי וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּילִיטְשׁ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וְכוּ׳.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּלִיק, אִיךְ מֵיין נָאר דַיין גוּטְס.

...

~~~~~~~~~~~

הַנְהָגוֹת צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וַוארְט שׁוֹין וְכוּ׳, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת וִוי זִיךְ צוּ פִירְן אִין דִי חֲדָשִׁים.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ – אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; גֶעוֵוינְט אַייךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן ׳יוֹם תְּהִילִים׳ אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן יוֹם זָאלְט אִיר זָאגְן אִין אַ רֵייעֶ וִויפִיל אִיר קֶענְט אוּן בַּיי יֶעדֶע קַאפִּיטְל זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. מֶען מֶעג אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן תְּהִילִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֶעג אוּן עֶס אִיז גוּט אַרַיין צוּ פְלֶעכְטְן אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דִי פְּסוּקִים.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דֶערְמַאנֶען נֶעמֶען פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת צַדִיק, חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בַּמַּעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְךְ זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; אִיז גוּט וֶוען אִיר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט אִיר אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶווייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנָזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִילָה:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט – גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן
~~~~~~~~~~~

זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין רוֹיעֶ קְנָאבְּל אוּן צְוִויבְּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

קוּק אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט אוּן פְרֵיי זִיךְ דֶערְמִיט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס דוּ הָאסְט יָא.

מוֹהַרְא"שׁ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זַייעֶנְדִיג זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעפְרֶעגְט: "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג?" הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל זַיין אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בִּלְעָם הָרָשָׁע? פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַזַא רָשָׁע ווִי בִּלְעָם, וָואלְסְט דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער פוּן וָואס דוּ בִּיסְט".

דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעפוּלְט מִיט גוּטֶע זַאכְן; דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית, דוּ טוּסְט אָן יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, דוּ עֶסְט כָּשֶׁר'ס - דַארְפְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס דוּ הָאסְט אִין דִיר. ווַייל וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**דִי כֹּחַ פוּן אַ גוּט וָוארְט.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט אֵיין גוּט וָוארְט קֶענְסְטוּ גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן!**

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ טִיפּ פוּן גֶעלְט וְכוּ' פַאר אַ צְוֵוייטְן יֶענֶעם אוּנְטֶער צוּ קוֹיפְן וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף נִישְׁט יֶענֶער דַיין גֶעלְט - עֶר דַארְף דַיין גוּט וָוארְט, אַ גוּט וָוארְט אִיז מֶער וֶוערְד וִוי דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבוֹת קיא:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב): "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב" - טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב, אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַ גוּט וָוארְט, אָדֶער אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אִיז מֶער וֶוערְד פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ווארוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין מִיט דִי גוּטֶע מִידָה צוּ טְרַאכְטְן פוּן מְחַיֶה' זַיין אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ גוּט וָוארְט; וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט גֶעבְּט עֶר אַלֶעמֶען אַ גוּט וָוארְט. אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן פָּאסְט טְרֶעגֶער, מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען זָאגְט: "אַ גוּט מָארְגְן", "אַ גוּטְן טָאג". אָדֶער וַוייזְט מֶען אַרוֹיס מִיטְלַייד: "אַ שָׁאד אַז דוּ שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע קֶעלְט", "אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַזֶעלֶכֶע הִיצְן", מִיט אַזַא קְלֵיינֶע וָוארְט הָאסְטוּ אִים גֶעמַאכְט זַיין טָאג.

אָדֶער דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ רֵיינִיגְן וְכוּ', זָאגְסְט אִים אֵיין גוּט וָוארְט: "מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה' אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אַזַא רֵיינֶע פְּלַאץ", "אַזַא גוּטֶע גֶערוּךְ שְׁפִּירְט זִיךְ דָא", "יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מַאכְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק" - הָאסְטוּ אִים גֶעטוֹישְׁט זַיין גַאנְצֶע טָאג צוּם גוּטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַ גוּט וָוארְט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. זַיי זֵיי מְחַנֵךְ צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זָאגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר זֵייעֶר מְלַמֵד אוּן טִיטְשֶׁער, פַאר זֵייעֶר בָּאס דְרַייוֶוער, וואוּ זֵיי גֵייעֶן זָאלְן זֵיי זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ זַיי צוּ זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ..., גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דַיין וַוייבּ; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, קוּק מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אִיר אוּן רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד).

דוּ וֵוייסְט דָאךְ ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶועןן אַז מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן דוּ קֶענְסְט זִיכֶער דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהַרְנַ"ת פְּלֶעגְט כְּסֵדֶר דֶערְצֵיילְן, אַז אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "ווִי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען וַוייטֶער פִירְן טִישׁ וְכוּ'. וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה; וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם יוּנְגֶערְמַאן? דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט אַ סִכְסוּךְ מִיט זַיין וַוייבּ פַּאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ.

אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶועןן מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; ווייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אַ רֵיינֶע קָאפּ, אָבֶּער אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין מֹחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ אוּן נָאכְדֶעם פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת.

קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ, אָבֶּער גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ פַּארְשְׁטֶעלְן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין צְנִיעוּת.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ה׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אִיז אוּנְז מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן קַיין נָאווְרִיטְש הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רנא): ״יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב״, אִיךְ קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וַאֲנָשִׁים גְּדוֹלִים אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב״, נִישְׁט נָאר פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קֶען אִיךְ אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְוִיבַּאלְד דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט דֶער ס״מ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן רֶבִּי׳ן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי׳ן - אַזוֹי הַאלְט עֶר אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף אִים, אִיבֶּער דִי שְׁקָרִים וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שצו): דֶער נָבִיא קְרֶעכְצְט אוּן זָאגְט (הוֹשֵׁעַ ז, יג): ״וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם״, אִיךְ הֶעלְף דָאךְ דִי אִידְן, ״וְהֵמָּה דִּבְּרוּ עָלַי כְּזָבִים״, אוּן זֵיי רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטֶע רֵייד; דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: ״וְאָנֹכִי אֶפְדֵּם״, אִיךְ הֶעלְף דָאךְ דִי אִידְן אוּן זֵיי רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעווּסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידוּת - נִישְׁט נָאר אַז זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט דִי קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפב): ״עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק״, זֵיי קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף מִיר, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס, אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם״, אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

נֶעם מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ זֶעקֶל סְפָרִים; אַ חוּמָשְׁ׳ל, אַ מִשְׁנָיוֹתְ׳ל, אַ גְּמָרָא, אַ תְּהִלִּים וְכַדוֹמֶה אַז וֶוען דוּ הָאסְט אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט

פַאר זַיין אֵיידֶעם: "בַּקָּשָׁתִי מַאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט וויכְטִיג אַן עִיקָר וְכוּ'; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִילָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וויל דִיר בֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן הַיינְט נַאכְט אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם; אִיךְ הָאבּ וויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פְּרוֹיעֶן הַיינְט נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע חַבֵר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ה' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא יֶעדְן טָאג.

דִי תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע חַבֵר, נֶעם דִי תּוֹרָה פַאר אַ חַבֵר אוּן אִין דִי תּוֹרָה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער; גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה ווִי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**'יוּ עֶס בִּי'ס' פַאר הַפָּצָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי 'יוּ עֶס בִּי'ס' וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַאר דִי מְפִיצִים, דוּ הָאסְט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דֶערוֹיף הוּנְדֶערְטֶער דְרָשׁוֹת, שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים וְכוּ'.

וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן מְגַלֶה זַיין פַאר נָאךְ אַ אִיד דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק גֵייעֶנְדִיג אַמָאל "הַפָּצָה" אִין וִוילְיאַמְסְבּוּרְג אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם סִיגוּט'עֶר בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ עֶר הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ". אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן פַאר וֶועם עֶר הָאט דָאס מֵפִיץ גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אַלְטֶער אִיד, נָאכ'ן אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם סֵפֶר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר קוּמְט צוּ צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן זָאגְט אִים: "אוֹי אוֹי אוֹי" - אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט - "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט פוּן דִי עֵצָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מִיר מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען גְרִינְגֶער"; דֶער אִיד אִיז אַרִיבֶּער דֶעם דַייטְשְׁן גֵיהִנֹם - דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה - וואוּ עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער וואוּ עֶר אִיז גֶעפַּיינִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רוֹצְחִים וְכוּ' וְכוּ', "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מַיין לֶעבְּן מִיר גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרִינְגֶער" - הָאט עֶר גֶעוֵויינְט.

אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר דִי זַאךְ פוּן מַאכְן יוּ עֶס בִּי'ס וָואס דָאס אִיז דִי הַיינְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הֶערְט דְרָשׁוֹת אוּן נִיגוּנִים; אִין דִי הַיינְטִיגֶע קַארְס קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן קַיין טֶעיפּ'ס אוּן סִידִי'ס נָאר יוּ עֶס בִּי'ס, דַארְפְן מִיר אָנְגְרֵייטְן יוּ עֶס בִּי'ס.

מִיר דַארְפְן זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר יֶעדֶע מַצָב אִין צוּ יֶעדֶע צַייט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ הֶערְן דִי נִיגוּנִים אוּן חִזוּקִים אוֹיף דִי וֶועג וִוי עֶס פִירְט זִיךְ וְכוּ'.

אַשְׁרֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין 'הַפָּצָה' צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעם דִיבּוּר: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד: "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן"; וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד? נָאר אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִילָה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין חֶשְׁבּוֹן אַז דוּ גֵייסְט מִיר הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט אַ לִיסְט פוּן הוּנְדֶערְט יוּנְגֶעלַייט וָואס אַז יֶעדֶער זָאל גֶעבְּן טוֹיזְנְט דָאלְלֶער קֶען מֶען עֶנְדִיגְן פַארְמַאכְן דֶעם דַאךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין רֶעגֶענֶען, אַזוֹי אוֹיךְ עֶנְדִיגְן דִי וַואסֶער, בֵּית כִּסֵא אוּן לֶעקְטֶער.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר דַיין ווִילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן; אֶפְשֶׁר אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק - זוּמֶער תשע״ח - פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין ׳אֵיינְמָאל׳ מִיטְ'ן סְכוּם פוּן טוֹיזְנְט דָאלְלֶער פַארְן בִּנְיָן אִין אוּמַאן; וָואס מֵיינְסְטוּ, נִיטְאַמָאל הַאלְבּ הָאבְּן גֶעגֶעבְּן, אֶפְשֶׁר דוּ וֶועסְט קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת צְווִישְׁן דִי אִינְגֶעלַייט צוּ הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיטְ'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן; סֵיי פַאר דָאס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן דֶעם ווִינְטֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַבִּיסְל חוֹבוֹת אוּן סֵיי וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ יֶעצְט אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין דָארְט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תש״פ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע יוּנְגֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען אַלֶע צוּזַאמֶען צוּ הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן; אֲפִילוּ דִי יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר חֵלֶק אִינֶעם בִּנְיָן זָאלְן גֵיין צוּזַאמְעֶנֶעמֶען גֶעלְט. נֶעם נִישְׁט פוּן דִי יוּנְגֶעלַייט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט, נָאר רֶעד צוּ זֵיי זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען דִי

טֶעג פוּן פּוּרִים אוּן אִידְן עֶפֶּענֶען דִי טִירְן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה זָאלְן אַלֶע תַּלְמִידִים זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען צוּ גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ וֵוייסְט, אָבֶער דָאס יָאר קוּמֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע כִּיתָּה פוּן קִינְדֶער קַיין אוּמַאן פוּן כִּתָּה ב׳; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", אִיךְ זָאג צוּ, אַז יֶעדֶעס קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַאר דִי זִיבְּן יָאר, וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער יֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן פוּן דִי זִיבְּן יָאר אוּן וַוייטֶער; מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין גֶעלְט, טִרְחָה וְכוּ׳, מֶען ווִיל פָּשׁוּט מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען לָאזְן דִי קִינְדֶער אַרוּם גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער קַיין אוּמַאן אָן קַיין הַשְׁגָחָה. דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרַיין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלָלֶער חוֹבוֹת אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

זָאלְסְטוּ מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת צְווִישְׁן דִי יוּנְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן אַלֶע הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע יוּנְגֶעלַייט.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי בִּילְד ווִי דוּ דְרוּקְסְט דִי גִּלְיוֹנוֹת.

דָאס בִּילְד פוּן דַיין פְּרִינְטֶער וואוּ דוּ דְרוּקְסְט דִי גִּלְיוֹנוֹת אִיז מֶער פוּן אַלֶע קְרֶעכְצְן אוּן דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל וֶוען מֶען טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ אִיז עֶס מֶער פוּן אַלֶעס. אַזוֹי ווִי דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער ריי"ץ - הָאט גֶעזָאגְט: "טוֹבָה פְּעוּלָּה אַחַת מֵאֶלֶף אֲנָחוֹת", עֶס אִיז מֶער אֵיין גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פוּן טוֹיזְנְט קְרֶעכְצְן; מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרוּקְסְט דֶעם
~~~~~~~~~~~

"גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" און דוּ און דַיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דָאס אִין אַלֶע שׁוּלְן אִין לָאנְדָאן טוּסְטוּ מֶער אוֹיף פוּן אַלֶע קְרֶעכְצְן וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי לָאנְדָאנֶ'ע אִידְן מַאכְסְטוּ אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מֵפִיץ זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אַנְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אֵייעֶר זוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכַלֶ'ע זְלָאטְשׁוּבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, ווייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשֶׁר ווייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשׁ'ט זִיךְ פוּן אִים"; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת!

...

~~~~~~~~~~

הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי מֵפִיצִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי "בֵּית הַדְפוּס" אַז זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מֵפִיצִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוֹיפְן סְפָרִים רוּאִיגֶערְהֵייט. אַפָּאר מֵפִיצִים הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מִיר אַז זֵיי בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג (עֶדִיטוּד) וֶוען זֵיי ווִילְן קוֹיפְן סְפָרִים; רוֹב מָאל עֶפְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי בֵּית
~~~~~~~~~~

הַדְּפוּס און וֶוען מֶען עֶפְנְט זֵיי שׁוֹין יָא אוֹיף יָאגְט מֶען זֵיי זֵיי זָאלְן שׁוֹין נֶעמֶען און זִיךְ גֵיין.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט ווַייל אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס זֶענֶען מִתְנַדְּבִים, אַלֶע אַרְבֶּעטְן בְּחִינָם, שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי מֵפִיצִים זֶענֶען בַּעֲלֵי מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵיי גֵייעֶן טָאג און נַאכְט הַפָּצָה, דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און זֵיי עֶפֶענֶען וֶוען זֵיי ווִילְן קוֹיפְן סְפָרִים.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִי מֵפִיצִים אַז מֶען רֶעכְנְט זִיךְ מִיט זֵיי.

...

~~~~~~~~~~

**זוּךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ גוּט אוֹיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בְּנוֹגֵעַ דַיין טָאכְטֶער, אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט דִי זָאל לֶערְנֶען אִין אֵיין קְלַאס מִיט וְכוּ'.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט: 'אִיךְ וֶועל מַאכְן אַזוֹי און אַזוֹי וְכוּ'' און מֶען מַאכְט זִיךְ אַ פְּלַאן, אָבֶער (מִשְׁלֵי יט, כא): "רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ, וַעֲצַת ה' הִיא תָקוּם", אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַנְדֶערְשׁ; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: זוּךְ נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת בַּיי יֶענֶעם, נָאר פַארְקֶערְט - זוּךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ גוּט אוֹיג.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמֶארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז אִין דִי כִּתָּה וואוּ זַיין זוּן לֶערְנְט - אִין דִי סַאטְמֶארֶע חֵדֶר - אִיז דָא אַ קִינְד וָואס בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן דֶעם קִינְד פוּנֶעם מוֹסָד. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְזִיכֶערְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער?!" דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועק שִׁיקְן דֶעם קִינְד פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה; אִין דֶעם וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד לִיגְט אַ טִיפֶע שֵׂכֶל, 'וָואס ווֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין?' קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס - ווִי אַזוֹי קֶען עֶר זַיין זִיכֶער מִיט דִי קִינְדֶער? נוּ ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַז דֶעם קִינְד
~~~~~~~~~~

זָאל מֶען אַרוֹיס וַוארְפְן ? ! מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט רַחֲמָנוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק ?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, זָכוֹר, ח׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לְפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז שַׁבַּת זָכוֹר וֶוען מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּן מְחִיַית עֲמָלֵק.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז עֲמָלֵ״ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דָאס וָוארְט סָפֵ״ק, וַוייל דִי גַאנְצֶע קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת, קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ. עֲמָלֵק וִויל אָפְּשְׁוַואכְן אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מְ׳זָאל טְרַאכְטְן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל.

דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַית עֲמָלֵק, מִיר וֶועלְן אוֹיסְמֶעקְן אַלֶע סְפֵיקוֹת, קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר וֶועלְן אַרַיין נֶעמֶען אִין אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָחָה, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (חוּלִין ז:): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה״, אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָּארְאוֹיס אַז פְּלוֹנִי זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה; אַלֶע אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים דַארְפְן זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): אוֹיפְן פָּסוּק (דִבְרֵי הַיָמִים-א כט, יא): ״לְךָ ה׳ הַמַּמְלָכָה״ - זוֹ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; אִיז מוֹהֲרָא״שׁ מַסְבִּיר, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶר אִיז קֶענִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֵיינְס מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק וָואס וִויל אַרַיין בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה.
~~~~~~~~~~~

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע מַחֲלוֹקֶת׳עֶר אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט; דוּ גֵיי אוֹיף דַיין וֶועג אוּן לָאז אַ צְוֵוייטְן גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג אוּן דַיינֶע דִיבּוּרִים מִיט אַ צְוֵוייטְן זָאלְן נָאר זַיין דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת. זוּךְ נִישְׁט וואוּ דוּ קֶענְסְט יֶענֶעם אוּנְטֶערְרַייסְן וְכוּ׳. מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אוֹיסְמֶעקְן דִי קְלִיפָּה פוּן ׳הָמָן׳ אוּן ׳עֲמָלֵק׳ וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר (אֶסְתֵּר ג, ח): "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", - מַאכְן מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים", גֵיי נֶעם צוּזַאם אַלֶע אִידְן, דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זָאלְסְט נָאר מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן.

בִּפְרָט אִין שְׁטוּב - בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיינֶעם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; וַוייל אַז קִינְדֶער הֶערְן שְׁטֶענְדִיג פוּן זֵייעֶר טַאטֶע ווִי עֶר אִיז מַחֲשִׁיב יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועלְן זֵיי זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ אַז דִי טֶעכְטֶער הֶערְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִי מֶען רֶעדְט שֵׁיין פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן זֵיי וֶועלְן אַז זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע מַאכְט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֶק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בַּיי אִים אִיז נָאר דָא ׳זַיין עֶרְלִיכֶע אִיד׳ אוּן אַ צְוֵוייטֶער אִיז בַּיי אִים פָּסוּל וּמְפוּסָל וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַאכְן אַ צַד הַשָּׁוֶה אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט רַחֲמָנָא לִצְּלָן, בִּיז זֵיי וֶועלְן לֵייקֶענֶען אִין אַלְסְדִינְג.

דוּ קֶענְסְט דָאךְ אַוַודַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ חֲסִידוּת בִּכְלָל אוּן צוּם רֶבִּי׳ן בִּפְרָט נָאכְדֶעם וָואס זַיין שְׁוֶוער הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט כְּסֵדֶר חוֹזֵק מַאכְן פוּן חֲסִידִים. דֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אוּן הָאט גֶעדִינְט אַלְס רַב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינָא: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהֲלִיב. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "וואוּ עֶר גֵייט, גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט מִיט אִים"; מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן אַ מִנְהָג אַז יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער, אוּן גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אַנְטְקֶעגְן חֲסִידִים, וַוייל עֶר - דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ רֶבִּי דָוִד צְבִי - הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ אִים אוּן צוּגֶעזֶען זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵיין זַאךְ הָאט אִים אָבֶּער זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי חֲסִידִים דָארְט רֶעדְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מִיכַלֶ׳ע מִזְלָאטְשְׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: ׳לָאמִיר פָארְן צוּ דֶעם צַדִּיק׳, וֶוען עֶר הָאט צוּגֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי מִיכַלֶ׳ע זְלָאטְשׁוּבֶער הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דִי עֲבוֹדָה גֶעפֶעלְט אִים, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זי״עַ, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אֵיינֶער הַאלְט פוּן דֶעם צַדִּיק, אָדֶער אֵיינֶער אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן דֶעם צַדִּיק, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַוֶועק מַאכְן דֶעם אַנְדֶערְן וֶועג?! אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע, פַארְוָואס מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן זֵיי?! הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶועזְן אוּן גֶעמַאכְט אַ צַד הַשָּׁוֶה אַז בֵּיידֶע זֶענֶען נִישְׁט; דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל רֶעדְן אוּן אָנְזָוארֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער אַוֶועק צוּ שְׁטֵיין פוּן חֲסִידִים.

דָאס וֶועט גֶעשֶׁען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן מַחְלִיט זַיין וָואס רֶבִּי נָתָנְ׳ס שְׁוֶוער הָאט מַחְלִיט גֶעוֶועזְן אוּן זֵיי וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם אַלֶעס אָפְּלָאזְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, יֶעצְט שַׁבָּת זָכוֹר מֶעק אוֹיס עֲמָלֵ״ק, לָאז דִיר אָפּ פוּן דִי כְּלוֹמֶר׳יִשֶׁע מִצְוֹת וָואס דֶער ס״מ רֶעדְט דִיר אַיין, ״עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים״, אוּן ״עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קְרִיגְן אוֹיף דֶעם״; אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ גוּט, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן?! וָואס דַארְף דִיר אָנְגֵיין וָואס יֶענֶער טוּט?! זַיי קְלוּג; אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף זִיךְ. דָאס לֶעבְּן אִיז דָאךְ אַזוֹי קוּרְץ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל פַארֶערְכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארֶערְכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז כָאטְשִׁיג מַיין שְׁטָאט וֶועל אִיךְ פַארֶערְכְטְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארֶערְכְטְן מַיין שְׁטָאט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל פַארֶערְכְטְן מַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ מֶער עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט קֵיינֶעם פַארֶערְכְטְן, אִיךְ וֶועל בְּלוֹיז פְּרוּבִּירְן מִיר אַלֵיינְס צוּ מְתַקֵּן זַיין״.

מוֹהַרְא״שׁ פְּלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶר׳ן דִי מַעֲשֶׂה מִיט אוּנְז כְּדֵי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט זִיךְ אוּן נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן; עַל פִּי רוֹב דִי אַלֶע

מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, זֵיי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג לָשׁוֹן הָרָע פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, דִי זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס לֶעבְּן אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אַז מֶען טוּט וֵוי אַ אִיד בַּאצָאלְט מֶען נָאכְדֶעם אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אַז דוּ הָאסְט אַ שָׁכֵן מִיט וֶועם דוּ הָאסְט אַ וִויכּוּחַ אָדֶער אַ סִכְסוּךְ זָאלְסְטוּ יֶעצְט פּוּרִים אַרוֹיף גֵיין צוּ אִים מִיט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אִים, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב דוּ הָאסְט אֵיינֶער אִין דַיין מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועם דוּ בִּיסְט צוּקְרִיגְט - אַ טַאטֶע, אַ שְׁוֶוער, אַ בְּרוּדֶער, אַ שְׁוָואגֶער וְכַדוֹמֶה - אִיז יֶעצְט פּוּרִים דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מִיט אַ טֶענְצְל.

מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְזָוארֶענֶען מִיר זָאלְן גוּט וִויסְן אַז אוֹיבּ מִיר זֶעעֶן אֵיינֶעם שְׁלָאגְן אוּם פּוּרִים אַז דֶער אִיז נִישְׁט קַיין שִׁיכּוֹר, נָאר אַ רוֹצֵחַ! וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט הֶענְט, שְׁלָאגְט אָדֶער טְשֶׁעפֶּעט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין שִׁיכּוֹר נָאר אַ פָּשׁוּטֶ'ער רוֹצֵחַ. אַ שִׁיכּוֹר אִיז דֶער וָואס נֶעמְט אַרוּם יֶענֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אַ שִׁיכּוֹר אִיז דֶער וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַלֶע אִידְן".**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן הַארֶץ אַרוֹיס. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ בַּיי דִי לְוָיָה צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס, אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט מַחֲלוֹקֶת. צְוֵוייטְנְס, אַז אִיךְ וֶועל אִים מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֵּיידֶע זַאכְן בִּין אִיךְ מְקַיֵּים אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי הַבְטָחָה.

תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין דֵעָה אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען זַיין חִיזוּק פוּן וואוּ עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר בַּאקוּמְט חִיזוּק, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט פֵיינְט הָאבְּן. תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט (אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ה) אַז תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טולְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין, לָאמִיר כָאטְשִׁיג לִיבּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, לָאמִיר כָאטְשׁ מְקַנֵא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים"; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר קוּקְט אַרוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, דָאס אַלֵיינְס וֶועט אִים צוּבְּרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיט): "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אַז עֶר זָאל פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן אִיד עֶר זָאל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גֶעפִיל צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר הָאט לִיבּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, דָאס אַלֵיינְס וֶועט אִים צוּבְּרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר עֶס אִיבֶּער פַאר שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, זָכוֹר, ח' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז "שַׁבָּת זָכוֹר" וָואס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן דֶעם שַׁבָּת אַ מִצְוָה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ פְרוֹיעֶן דַארְפְן הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר; עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר, ווארוּדֶערְאוּם זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ גֵיין אִין שׁוּל, פַארְלָאזְן זֵיי זִיךְ אוֹיף פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען גֵייט הֶערְן דִי מְגִילָה, וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען קוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן הֶערְן ווִי דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵ"ק דוּרְךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; עֲמָלֵ"ק בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ קַאלְטְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי בַּיי עֲמָלֵ"ק שְׁטֵייט (דְּבָרִים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ"; טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים, אַז עֲמָלֵק קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים מַחֲשָׁבוֹת אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל.
~~~~~~~~~~

אוֹיף דֶעם זֶענֶען דָא דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵ"ק, זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגֶען אַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נִישְׁט צוּ בֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם קַיין טוֹבוֹת - נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס בֶּעטְן פוּן אֵיינֶעם הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער" אוּן נָאכְדֶעם מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן וְכוּ'?" יֶענֶער הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר בֶּעט דָאס פוּן אִים, אָבֶער מוֹהַרַא"ש הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן מִילְךְ אוּן דִי מִילְךְ אִיז גֶעלֶעגְן בַּיי דִי פְלַאץ וואוּ דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעדַארְפְט בֶּעטְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְטְס מַאן, הָאט זִיךְ מוֹהַרַא"ש אָנְגֶערוּפְן - אַזוֹי וְוי שְׁטֶענְדִיג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֶענְסְט מִיר גֶעבְּן אַ פְלֶעשְׁל מִילְךְ?" דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן קוּקְט אוֹיף מוֹהַרַא"ש מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס זָאגְסְטוּ?!..." הָאט זִיךְ מוֹהַרַא"ש גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן דָאס וָוארְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער' שְׁטִילֶערְהֵייט; עַד כְּדֵי כַּךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרָט וֶוען דוּ צִינְדְסְט לִיכְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַלֶע דַיינֶע בַּקָשׁוֹת. עֶס זֶענֶען דָא פְרוּיעֶן וָואס זָאגְן בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵירוֹת תְּחִינוֹת; עֶס זֶענֶען דָא פְרוּיעֶן וָואס בַּיי זֵיי פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִים; עֶס זֶענֶען דָא פְרוּיעֶן וָואס זָאגְן בִּכְלָל נִישְׁט קַיין תְּחִינוֹת וְכוּ', נָאר זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; יֶעדֶער זָאל זִיךְ פִירְן מִיט זַיינֶע מִנְהָגִים, אָבֶער וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דַיינֶע תְּחִינוֹת וְכוּ' לֵייג אַרוֹיף דִי הֶענְט אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וְוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּב, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַרַיין שַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם**

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ אוֹיךְ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אַזוֹי זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַלֶע אִידְן. הֶעלְף אַרוֹיס אַלֶע וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שְׁוֶועריקֵייטְן, מַאךְ לִיכְטִיג פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, וְכוּ' וְכוּ'".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מ'לָאזְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת, בַּאקוּמְט מֶען אַ הֶערְלִיךְ לֶעבְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, זָכוֹר, ט' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ הָאסְט מִיר מַמָשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיטְן מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קֶשָׁרִים מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיט דַיין וַוייבּ בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה; דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ וְכוּ'.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס עֲבֵירוֹת טוּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי וַוייבּ אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט דִיר כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁמוּץ, דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיגְן אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ גֶטְ'ן, דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע'הַרְגְ'ט אוּן גֶעשְׁלָאגְן מִיט אִיר טָאג אוּן נַאכְט אַלְץ צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה וָואס דוּ בִּיסְט נָאכְגֶעלָאפְן - הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אוּן יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שְׁמוּץ הָאסְטוּ שׁוֹין הֲנָאָה צוּ זִיצְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ מַאכְסְט שֵׁיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת אוּן דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר גֶעוָוארְן זִיס.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית - פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שְׁמוּץ זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן צוּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דַיין נֵייעֶ וֶועג וְכוּ'. וַוייל תְּהִילִים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה, עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה
~~~~~~~~~~~

לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, אוֹיךְ לִיגְט אִין תְּהִילִים אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

...

# ~~~שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת~~~

**וָואס טוּ אִיךְ וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס גְלִיטְשְׁט לֵיידֶער אַוֶועק?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס הָאט לֵיידֶער אֶנְגֶעהוֹיבְּן גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט, זִי חַבֶר'ט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, זִי הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן לֵיידֶער אוֹיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן אִיבֶּערְדֶעם אָדֶער נִישְׁט.

אִיךְ אַלֵיין וִויל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט דוּרְךְ אִיר, אִיךְ וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאף דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אַזַא מַצָב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אֵייעֶר בְּרִיוו הָאט מִיר זֵייעֶר בַּארִירְט; דִי צַעַר פוּן וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט אִינֶעם בְּרִיוו פוּן אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ' הַשֵּׁם יְרַחֵם הָאט מִיר גֶעשְׁטָאכְן בִּיז מַיין הַאַרְץ.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זִיךְ וַוייטֶער צוּ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל נָאר מִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען אַ לֶעבְּן; עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לָאזְן אָפּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה וַוייל אוֹיבּ מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶּער אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה, בִּפְרָט אַז מֶען הִיט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְעַנֵּג מִיט'ן שַׁבָּת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ גוּטְס אָן קַיין עֶנְדֶע, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת

כְּהִלְכָתוֹ - אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ, מוֹחֲלִין לוֹ", און (שַׁבָּת קיח.): "כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים".

צְוַוייטְנְס בֶּעט אִיךְ אַייךְ איר זָאלְט בְּרֶענְגֶען נַחַת פַּאר אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר זָאלְט זִיךְ וַוייטֶער פִּירְן אֵיידְל און גַיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל וֶועט אִיר גֶעזוּנְט מַאכְן אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און זֵיי צוּגֶעבְן יָארְן צוּם לֶעבְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים - רְפוּאָה גְּדוֹלָה לְאָבוֹת", גוּטֶע קִינְדֶער הֵיילְן אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן; זָאגְט גָארְנִישְׁט פַּאר אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן עֶס וֶועט זֵיי נָאר מַאכְן שִׁבְרוֹן לֵב. זֵיי וֶועלְן דָאס נִישְׁט קֶענֶען אַרִיבֶּער טְרָאגְן, ווייל דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר פַאר עֶלְטֶערְן אִיז צוּ זֶען וִוי אַ קִינְד גֵייט אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אַז אִיר ווילְט הֶעלְפְן אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַּאר אִיר אַז עֶר זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אַ רֵיינְקֵייט, אַז זִי זָאל אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַבְרְ'טֶעס, זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט אִיר גָארְנִישְׁט קַיין מוּסָר; אֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג און אֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים וֶועט אִיר צוּרִיק שְׁלֶעפְּן, וֶוען זִי וֶועט זֶען וִוי שַׁיין אִיר רֶעדְט, אֵייעֶר שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל און אֵייעֶר אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען אַז זִי זָאל צוּרִיק קוּמֶען. שְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר דֶערְצֵיילְט אִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה וָואס אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעהָאלְפְן.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְט... עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער, בִּפְרָט דוּרְךְ דִי צָרָה וָואס מִיר הָאבְן אִין אוּנְזֶער דוֹר - דִי אִינְטֶערְנֶעט, וָואס אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אֵייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זָאל תְּשׁוּבָה טוּן בְּקָרוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין ווייבּ אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג מְכַבֵּד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק, און אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין ווייבּ אִיז מִיר נִישְׁט מְכַבֵּד, זִי גֶעבְּט דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ קוֹדֶם פַאר אִירֶע חַבְרְ'טֶעס, פַאר אִיר מִשְׁפָּחָה, און עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ קוּם אִיךְ.
~~~~~~~~~~~

איך ווייס נישט וואס צו טראכטן, און איך ווייס נישט וואס צו טון וועגן דעם. איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען ארויסהעלפן.

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דַיין וַוייבּ שֶׁעצְט דִיר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אַז אִירֶע חַבֶר׳טֶעס אוּן מִשְׁפָּחָה זֶענֶען בַּיי אִיר פַאר דִיר, אוּן דָאס שְׁטֶערְט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַסַאךְ יוּנְגֶעלַייט גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה. עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נָאנְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶען וֶוערְט בַּאקְוֶועם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אַז דַיין וַוייבּ לוֹיפְט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן צוּ אִירֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער דַארְף דָאס דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן; אַדְרַבָּה, פְרֵיי זִיךְ אַז זִי הָאט מִשְׁפָּחָה, אַז זִי הָאט לִיבּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁווִיסְטֶער, עֶס אִיז נָאר אַ מַעְלָה פַאר דִיר אַז זִי הַאלְט זִיךְ גוּט מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶועסְט נָאךְ אַסַאךְ מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ; דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער וָואס גֶעבְּט כָּבוֹד דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֵיינְס וֶוערְן מְכוּבָּד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): ״אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת״ אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן וֶועט דָאס צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר, וַוייל (עֵירוּבִין יג:): ״כָּל הַמְחַזֵּר עַל הַגְּדוּלָּה״, וֶוער עֶס זוּכְט צוּ זַיין גְרוֹיס ״גְּדוּלָּה בּוֹרַחַת מִמֶּנּוּ״, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, אָבֶּער ״וְכָל הַבּוֹרֵחַ מִן הַגְּדוּלָּה״, דֶער וָואס זוּכְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, עֶר אַנְטְלוֹיפְט גָאר פוּן כָּבוֹד, ״גְּדוּלָּה מְחַזֶּרֶת אַחֲרָיו״, דֶער וֶועט וֶוערְן גְרוֹיס, אַלֶע וֶועלְן אִים מְכַבֵּד זַיין; אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן וואו דוּ קֶענְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן וֶועט זִי דִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן דִיר הַאלְטְן מֶער פוּן אַלֶעמֶען.

נָאכְאַמָאל, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן וֶוען זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אוּן צוּ אִירֶע חַבֶר׳טֶעס, דָאס מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז זִי דַארְף דִיר נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ אַרוֹיס פוּן כּוֹלֵל אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים פוּן חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה. אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע נַייֶע שִׁיעוּר, אוּן נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי צֶעבְּרָאכְן אִיךְ בִּין, וֶועט דִי שִׁיעוּר מִיר אַלְץ מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן חִיזוּק ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין. אִיךְ הָאבּ ב"ה אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט יְהוֹשֻׁעַ אוּן שׁוֹפְטִים, אוּן אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן סֵפֶר שְׁמוּאֵל.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה. אִיךְ לֶערְן אִין כּוֹלֵל פַארְמִיטָאג, אוּן נָאכְמִיטָאג אַרְבֶּעט אִיךְ. לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אִין זִיצְן אִין כּוֹלֵל פַארְמִיטָאג, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דָארְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אַ בְּלַאט גְמָרָא מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, תְּהִלִים אוּן נַ"ךְ, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער. אִיךְ מוּז לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרֵי הַכּוֹלֵל, אוּן כְ'הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד דֶערְצוּ, אוּן אִיךְ שְׁמוּעֶס אַסַאךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען. אִיךְ מֵיין אַז דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען פַאר מִיר צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן גֶעהֶעריג, אוּן אַלֵיין הָאבְּן מַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

פַאר מַיין שְׁוֶוער וֶועט דָאס אָבֶּער לִכְאוֹרָה אַבִּיסְל שְׁטֶערְן אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן כּוֹלֵל, וויל אִיךְ ווִיסְן וָואס ס'אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ 'גֵיין לֵיידִיג'; אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג. אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג קוּמְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אַז מֶען בַּטֵל'ט דִי צַייט קוּמְט מֶען צוּ עֲבֵירוֹת אוּן מֶען וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט.

אִיז זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט זֶען אָנְצוּפוּלְן דַיין טָאג; זָאלְסְט לֶערְנֶען דַיינֶע אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן נֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט, ווַייל (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ", עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל לֶערְנֶען אוּן אַרְבֶּעטְן, "שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן"; 'מְשַׁכַּחַת' אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּן: 'שִׁכְחָה', אַז מֶען אַרְבֶּעט אוּן מֶען לֶערְנְט פַארְגֶעסְט מֶען צוּ זִינְדִיגְן אוּן מֶען הָאט נִיטְאַמָאל קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁוֶוער וְכוּ׳; אַ שְׁוֶוער קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן, יֶעדֶער שְׁוֶוער וֵוייסְט פּוּנְקְט דֶעם מַצָּב מִיט זַיין אֵיידֶעם - צִי עֶר לֶערְנְט אָדֶער עֶר גֵייט לֵיידִיג, מִיט דֶעם וָואס דוּ זִיצְט אִין כּוֹלֵל אוּן דוּ בַּטֵלְ׳סְט צַייט וְכוּ׳ וֶועסְטוּ אִים נִישְׁט מַאכְן קַיין נַחַת. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שׁוֹין זוּכְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אָנְצוּפוּלְן דַיינֶע שָׁעוֹת.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן, זִיךְ פִּירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דַיין צַייט; יֶעדֶע אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט וֶועסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט׳ן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ׳ן טָאג: זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְמָרָא אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים - וֶועסְטוּ מַאכְן נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן; אַלֶע וֶועלְן הַאלְטְן פוּן דִיר.

כּוֹלֵל אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר יוּנְגֶעלַיט וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה, זֵיי לֶערְנֶען אָן קַיין הֶפְסֵק אַ גַאנְצְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן יְרוּשָׁלַיִם עיה"ק, אִיךְ וואַלְגֶער זִיךְ אַרוּם פוּן אֵיין יְשִׁיבָה צוּם צְווייטְן, אִין שִׁיעוּר א' בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אֵיין יְשִׁיבָה, אִין שִׁיעוּר ב' אִין אַ צְווייטֶע יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט אִין אַ דְרִיטֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט.

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, קַיין חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען אוּן תְּפִלִּין לֵייגְן, אוּן בִּכְלַל הָאב אִיךְ נִישְׁט קַיין סִיפּוּק פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין לֶעבְּן. וֶוען אִיךְ וִויל שׁוֹין גֵיין רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וִויל מִיר פָּשׁוּט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

סְ'אִיז נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַ לֵיידִיג גֵייעֶר אוּן אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, וַוייל בֶּאֱמֶת צִיט מִיר מַיין הַארְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֶועלְן זַיין גוּט, צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, צוּ הָאבְּן עֶפֶּעס אַ תַּכְלִית אִין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס פּוּנְקְט אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער לֹא יַצְלַח, צוּ זַיין דֶער וָואס טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט, וָואס מוּז נָאכְלוֹיפְן דִי וִוינְט, דֶער וָואס מוּז קוּקְן כָּל דָּבָר אָסוּר.

אִיךְ גְלֵייב אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הָאבְּן וָואס צוּ זָאגְן, עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְּרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן אוֹיסְנוּצְן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּינְ'ס ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״. דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיפְן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ פוּן רֶבִּיְ'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) וֶוערְט מִיט דִי צַייט מְיוּשָׁב; מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן אוּן מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי מֶען אִיז יָא וֶוערְד.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד. ״״מִשְׁנָה״״ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ״נְשָׁמָה״; מִשְׁנַיוֹת אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מַאכְט אִים רֵיין. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מִשְׁנַיוֹת אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְּסְטֶע בְּלָאטֶע; הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי (תְּהִלִּים ל, ד) אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ׳מִשְׁנֶה׳, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מַאכְט דָאס לוֹיטֶער דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס גֶעבְּט אִים צוּרִיק דֶעם מֹחַ. ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ-מַחְשָׁבָה, ווַייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, דֶערִיבֶּער אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארֶע מֹחַ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג; ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, זֵיי וֶוערְן כְּעַפְרָא בְּעַלְמָא.

אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן חָשׁוּב בַּיי דִיר.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווען און וויפיל דארף מען געבן מַעֲשֵׂר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צום ערשט מוז איך זיך באדאנקען פאר מיין לעבן, מיין מאנ'ס לעבן, אונזער מִשְׁפָּחָה'ס לעבן, ווייל נאר די שִׁיעוּרִים זענען אונזער חִיזוּק אין לעבן, דאס געבט אונז די כֹּחַ און די שֵׂכֶל אנצוגיין אין לעבן און מַצְלִיחַ זיין אין לעבן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

איך האב א שְׁאֵלָה ווענגן מַעֲשֵׂר געלט. אלס מיידל פלעג איך אלס געבן מַעֲשֵׂר פון די געלט וואס איך האב פארדינט, אבער נאך די חֲתוּנָה האט מיין מאן מיר געזאגט אז אויב מ'קען נישט געבן דארף מען נישט געבן, און אזוי איז עס געבליבן אז מיר נעמען נישט אראפ קיין מַעֲשֵׂר, נאר מיר געבן סְתָם צְדָקָה ווען ס'קומט אונטער א צוועק. האב איך געוואלט פרעגן אויב דאס איז טאקע אויסגעהאלטן, און וואס אֱמֶת'דיג דער ענין ווען און ווי אזוי מ'דארף געבן מַעֲשֵׂר.

א גרויסן יִישַׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר מיט אייער מאן און אייער גאנצע מִשְׁפָּחָה זענען זיך מְחַיֶּה און מְחַזֵּק מיט'ן הייליגן רֶבִּינ'ס ווערטער.

ווען די וועלט וואלט געוואוסט וואס דער רֶבִּי געבט אונז וואלטן אלע געקומען צום רֶבִּי'ן און אלע וואלטן געלערנט די סְפָרִים פון רֶבִּי'ן; ווער וויל נישט האבן א גוט לעבן? יעדער וויל דאך האבן א חַיִּים טוֹבִים. נאר די סִיבָּה פארוואס מענטשן שטייען אוועק פון רֶבִּי'ן און פון ברעסלבע'ר חֲסִידִים איז ווייל מען רעדט אויף אונז אסאך לְשׁוֹן הָרַע'ס, דעריבער האבן מענטשן מוֹרָא פון 'ברעסלב'. אבער ווען מען וואלט ווען געוויסט דעם אֱמֶת וואס טוט זיך אין ברעסלב וואלטן אלע געקומען צום רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ מַעֲשֵׂר וְכוּ'; דאס איז א שְׁאֵלָה וואס איז נוֹגֵעַ פאר אייער מאן. עס ווענדט זיך צי ער האט חוֹבוֹת וְכוּ' צי ער האט פַּרְנָסָה וְכוּ', אויב מען האט חוֹבוֹת און מען האט נישט קיין פַּרְנָסָה וְכוּ' איז מען פָּטוּר פון געבן מַעֲשֵׂר, דעמאלט איז מען יוֹצֵא די מִצְוָה פון צְדָקָה מיט אפאר פְּרוּטוֹת וואס אין דעם איז יעדער איד מְחוּיָּב אֲפִילוּ מען האט נישט קיין געלט.

אז איר ווילט מַצְלִיחַ זיין און האבן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע זאלט איר מיט אייער מאן און קינדער זיך פארנעמען צו בענטשן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אין א בענטשער פון אינעווייניג,

דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר וֶוערְן רַייךְ. מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ בֶּענְטְשְׁן נָאר אִינֶעוֵוייגִיג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אַז אִיר וֶועט הָאבְּן צוּ גֶעבְּן מַעֲשֵׂר אוּן נָאךְ מֶער ווי מַעֲשֵׂר.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", אַז דִי פְרוֹי אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט דֶער מַאן פְרֵיילִיךְ וַוייל עֶס וֶוערְט אִים נִתְרַחֵב זַיין דַעַת דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד. רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער לֵיידֶער אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶער גְלִיק דֶערְפוּן. אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. מִיר זֶעעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס גוֹיִם זֶענֶען; דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז אַזוֹי ווי אַ קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶע צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף אוּן מִיר וֵוייסְן דָאךְ וָואס דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער - פַארְצִיקְנְדֶע חַיוֹת - הָאבְּן גֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן פַאר דָאס קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶע - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵיי ווִילְן נָאר 'שָׁלוֹם' אוּן זֵייעֶר וֶועג אִיז 'אַהֲבָה', אָבֶּער שׁוֹין צְוֵוייטוֹיזְנְט יָאר וָואס זֵיי הַרְגֶ'נֶען אוּנְז אִידְן מִיט
~~~~~~~~~~~

אַלֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת-סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג אוּן חֶנֶק, אַלֶעס מִיטְ'ן פַאלְשְׁן פָּנִים מִיט וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער אַז זֵייעֶר וֶועג אִיז צוּ גֵיין מִיט לִיבְשַׁאפְט.

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּן גֶעלֵיינְט וָואס דִי עֲמָלֵקִים - דִי דַייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִילְיָאנֶען אִידְן; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן-מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶע'הַרְגְ'ט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט בִּשְׁעַת אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִירֶעקְט גֶעהָאלְפְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִיטְאַמָאל דָא אַ סְכוּם וִויפִיל מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רוּסְן - דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קַאמוּנִיסְטְן - הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן!

מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טוּן אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת; מִיר זֶענֶען אַן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פָאלְק, אַ פָאלְק פוּן רַחֲמָנוּת אוּן אַ פָאלְק וָואס טוּט חֶסֶד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָה זוּ", דְרֵיי סִימָנִים זֶענֶען דָא בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, - "הָרַחְמָנִים, וְהַבַּיישָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אִידְן הָאבְּן רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יג, יח): "וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן רַחֲמָנוּת; אִידְן שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן בּוּשָׁה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ, יז): "וּבַעֲבוּר יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", אוּן אִידְן הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן טוּן חֶסֶד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יח, יט): "לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ" וְגוֹ'; מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶערְ'ן אוּנְטֶער דִי רוֹצְחִים - דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, הָאבְּן זֵיי אֵיין תְּקוּפָה גֶעאַרְבֶּעט עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ אִין דִי וַוארְשָׁא גֶעטָאוֹ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ וַואנְט. דִי בְּרוּטַאלֶע נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע בִּיקְסְן אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פְלַייסִיג הָאבְּן זֵיי דֶערְשָׁאסְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֵיין טָאג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן אַזוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט וַוייל דִי רֶעגְן הָאט אָפְּגֶעוִוישְׁט דִי לֵיים (צֶעמֶענְט), דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן הָאבְּן גֶעלֵייגְט סֶעמֶענְט אוּן דִי רֶעגְן הָאט דָאס אָפְּגֶעוַואשְׁן; עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער קַאלְט אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעפַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת בִּשְׁעַת דִי נַאצִיס שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער פוּן דִי אִידְן, נֶעבְּן דֶעם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רֶבִּי זי"ע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ פְרַייעֶר אִיד וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט אִינֶעם גָאס רֶעגְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי,

מָארְגְן וֶועט אִיר נָאךְ אַלְץ מַאכְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי?" מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן: 'וָואס הָאבְּן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִידְן? וָואס אִיז דִי שְׂמֵחָה מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אַז מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז?' הָאט דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב גֶעזָאגְט: "מָארְגְן וֶועל אִיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי פְרִיעֶר, זֶעעֶנְדִיג וָואס גוֹיִם זֶענֶען מְסוּגָל צוּ טוּן; נֶעמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג פָאלְק אוּן אוּנְז אַזוֹי רַצְח'נֶען אוּן פַּיינִיגְן מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן, מִיט דֶעם אַלֵיינְס פְרֵיי אִיךְ מִיר, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גוֹי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת; מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז נֶעמֶען צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

...